STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04004

MAYNE YORN

Morris Nathan Winograd

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מײַנע יאָרן

(לידער)

פון

מ. װינאָגראַד

פאַרלאַג „פעדער“

ניו־יאָרק, 1925

געזעצט און געדרוקט אין
לעוואַנט פּרעס
65

''Meine Yoren'' (''My Years''),

by M. Winograd.

Copyright 1925.

Printed in the U. S. of America.

באַמערקונג

די לידער אין דעם דאָזיקן ביכל זײַנען בלויז אַ טײל פון מײַנע לידער, וואָס כ'האָב אָפּגעדרוקט (אין „פאָרווערטס", „פרײַע אַרבײַ־טער שטימע", „דאָס וואָרט" און „די פעדער") זײַט 1923 — דער אָנהויב פון מײַן אַנטבלויזן דאָס אינערלאַכע מײַנע פאַר דער אויסערלאַכער וועלט.

די צאָל פון דעם דאָזיקן טײל האָט באַ־שטימט אײנער פון מײַנע קאַפּריזן, וואָס זײַנען שטאַרקער פון מײַן פאָרם (...) — אַ קאַפּריז, וואָס איז א רעזולטאַט פון מײַן ביז איצטיקן לעבן, דאָס סתירות־פולע, וואָס איך וויל (און מוז) אָפּטײלן פון דער ווײַטערדיקן. —

אפשר וועט מיר דאָס ביכל זײַן אַ מחיצה...

מ. וו.

פונוואַנען?...

ס׳פלעגן דאָך מײַנע אויגן
ניט זען פאַר זיך מער ווי אָרימע ווענט
פון שטוב און בית־המדרש,
און ס׳האָבן דאָך מײַנע פיס —
נאָכגעקוקטע פון די אויסגעוויינטע אויגן
פון מײַן באָבען,
וואָס האָט געוואָלט אין מיר דערזען
דאָס ליכט פון איר פאַרגאַנגענער זון —
נאָר אין ברודנע גאַסן געשפּאַנט...
פונוואַנען קלאָגט אין מיר אַצינד
דער אומרו פון שאַקאַל
און ס׳טרערן אויס מײַנע אויגן
דעם טרויער פון ווייסן מדבר־זאַמד?...

ס׳האָט דער זיידע דאָך,
וועלנדיק מײַן נשמה הויך אין די הימלען פירן,
מיך געוואָרנט: דעם קאָפּ — אַלץ נידריקער —
צו דער ערד צו בויגן...
פונוואַנען די הימל־הויכע וואָלקנס
אַרום מײַן קאָפּ אַצינד?...
און וואו — די ערד פון אונטער מײַנע פיס?!...

איז וואָס !...

איז וואָס, אַז עס קוקן אויף מיר מענשן
און טראַכטן : כ׳בין פון זינען אַראָפּ...
איז וואָס, אַז עס האָט אַלץ קיין אָרט ניט
אויף צו לייגן זיך רואיק מיין קאָפּ !...

איז וואָס, אַז מיין וועג איז פאַרזייעט
מיט יאוש, פאַרצווייפלונג און לייד ;
איז וואָס, אַז כ׳האָב אויף מיין פרעגן
ניט באַקומען נאָך אַלץ קיין באַשייד !...

איז וואָס, אַז אויף איינזאַמע וועגן
כ׳האָב זונען אַזוי פיל פאַרזען !—
עס פירט דער ליכטיקסטער וועג דאָך
צום פינסטערן וועג פון פאַרגיין...

אָ, אפשר דיין האַנט ?...

ווי אַ צענויפגעדרייטע ספּרוזשינע,
אַ שטייף איינגעצויגענע,
האָט זיך ס׳געצוימטע לעבן מיינס
פּלוצלינג, מיט אַמאָל,
וויל־אימפּעדיק פאַנאַנדערגעלאָזן,
איבער וויסטע וועגן אָן צאָל...

זיינען מיינע פרילינגדיקע טעג און יאָרן,
ווי זאַנגען ליידיקע,
איבער די וועגן צעשאָטן,
און מיינע בלוטן — אין זאַמדן פאַרמישט
און פון פוס־גייער פאַרטראָטן...

וויינען אין מיר די זומער־טעג
פון די געבליבענע יאָרן — זאַנגען אָנגעפילטע,
קלאָגן די געבליבענע בלוטן — רעגנבויגן־
פלאַמען :
„ניט לאָז צעפאַלן", „ניט לאָזן צעפליסן"...

— — — — — — — — — — — — — —

אָ, קען אפשר דיין האַנט מיך האַלטן
צוזאַמען ? !...

אַ פונק...

אויף דיינע ליפּן רוט די פרישקייט פון דעם טוי,
פאַר'ן אויפגאַנג פון מאָרגן־שטערן,
און די וואַרימקייט פון אַ מוטערלאַכער שוים
נאָכ'ן ערשטן געבערן.
און ס'איז דיין רוף — א ליכטיקער פונק
אויף אַ מדבר־וועג ביינאַכט.
נאָר אַז ביי מיר אין האַרצן
האָט דער טרויער זיינע זאָמען צעשאָטן
און דאָרט קאַלטן ווינט געבוירן,
איז ווי זאָל אַ פונק ניט גיין
אין קאַלטן ווינט פאַרלוירן...

ביינאַכט אין פּאַרק
(האַרבסט־מאָטיוו)

ס׳האָט דער ווינט שוין אָפּגעריסן
דעם לעצטן בלאַט פון בוים,
און איך — נאָך אַלץ אַליין
מיט מיין זומערדיקן טרוים...

שטייען בענק — פון ווינט געריניקט —
אַזוי אומעטיק זיי שטייען:
„וועט שוין טאַקע קיינער היינט
ניט קומען מער צוגייען?"...

האַלבע נאַכט איז שוין פאַראיבער,
און די שטילקייט — ניט גערירט;
נאָר, אָט, צעשלייכן קומט אַ בעטלער —
פון שטילע האָפנונגען געפירט.

העי, דו בעטלער, מציאות־זוכער,
נאָך אַלץ פאַרוואָגלט פון דיין רו,
האָסטו אפשר דאָ מיין טרוים
געפונען ליגן ערגעצוואו?...

פרילינג

פרילינג איז געקומען —
ניט צעפליען און ניט צערייטן,
ווי אין די מעשיות פון פאַרצייטן.
פרילינג האָט זיך שטילערהייט,
מיט טעג צוריק, אין שטאָט געדרייט...
שטיל געשלייכט איבער גאַסן
און צעוואָרפן זונען־פּאַסן...
זיינען די טעג קלאָרע און ליכטיקע געווען.
און די נעכט — מיט־חודש׳דיקע,
ליידנשאַפטליך בלאַסע —
האָבן אַ פרילינג׳דיקן וואַנדער־לוסט
אויפגעריצט אין מיר...

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

אָ, ווען ס׳וואָלטן זון און לבנה
איבער אונזערע קעפּ ניט געווען,
וואָלטן דאָך אונזערע וועגן,
שטענדיק, אַזעלכע פינסטערע געווען,
און מיר וואָלטן אפשר
די שענסטע זאַכן אין דער וועלט —
ניט ווייסנדיק — פאַרזען...
אַזוי אָבער — זען מיר
אַז מיר זען ניש...

ווי דער שטויב

ווי עס בענקט דער זון־צעגליטער שטויב,
אויף די ווייסע סטעפּעס פון זאַהאַראַ,
נאָך מענשלאַכע טריט,
וואָס זאָלן אים באַרירן —
איז מיין בענקשפט
נאָך דעם באַריר פון דיין בליק.
און ווי עס בענקט דער שטויב נאָך ווינט,
וואָס זאָל אים פון אונטער שווערע טריט
דערהויבן,—
איז מיין בענקשאַפט נאָך דעם אָטעם דיינעם.
און ווי דער שטויב — אין ווינט —
ווער איך אין דיין אָטעם פאַרווייעט...

אַ ליד פון האַרבסט

וועז די קאַלט־דאַרע הענט
פון דעם גרויזאַמען אַלטקייט־האַר
וועלן זיך איבער אונזערע גלידער,
קניִטשנדיק, צעשפּריִטן,
און וועלן פון אונזערע
אויסגעברענטע פלאַמען־ליפּן
דעם לעצטן קוש אויספּרעסן,
וועל איך צונויפנעמען
די אָפּגעבראָכענע צווייגן־שטיקער
פון מיינע אויסגעבליטע בוימער־יאָרן,
און וועל מיר פון זיי
אַ פּייפערל מאַכן.
און ווי דער פּויער אויפ׳ן דאָרף —
ווען די פעלדער זיינען שוין
אָפּגעשניטן לאַנג —
וועל איך זיך אויף מיין נאַקעטן פעלד אַוועקזעצן,
און אויספּייפן פאַר דיר
לידער פון מיינע שמעקעדיקע בוימער,
וואָס זיינען אין שטורעמס געפאַלן,
און פון די גרינע גרעזעלאַך
וואָס וועלן נאָך האָבן פאַרבליבן —
ציטערנדיק אין ווינט —
ווי פלעמלאַך פון גרינע לעמפּלאַך קליינע ;
ביז ס׳וועט אַ שווער־ווינטערדיקער שניי אַראָפּפאַלן,
און אַלץ פאַרדעקן אונטער זיך...

אין דעם שטיבעלע פון עדגאַר אלאַן פּאָו

ניט דער טרויער פון דעם בעט, אויף וועלכן
ס'פלעגט דיין גרויסער גייסט — דער פאַר־
בלאָנדזשעטער
און די גרענעצדיקע מענטשלאַכע וועלטן —
רוען,
און אויף וועלכן איך קוק איצט —
צוגלייך מיט מענטשן, וואָס קוקן דאַרויף
בלויז ווייל ס'איז אַלט —
קעלטערט און היצט שוואַרצפייערדיק ס'בלוט
מיינס, אַזוי,
און הענגט זיך, ווי אַ שווערער שלאָס אויף
מיינע ליפּן...

ס'איז אויך ניט דער טרויער פון זייגער,
אויף דער וואַנט,
וואָס זיין רוי שעה'דיק קלינגען
פלעגט דיין פאַנטאַזיעס געטלאַך־געוועב
איבעררייסן:
דיך דערמאָנען, אַז דו לעבסט
אין אַ וועלט,
וואו ס'איז פאַראַן אַ געזעץ פון פרי און שפּעט...
געוועזנס און קומענדיקס... —
און איצט מוז דערזעלבער זייגער קלינגען,
גלייך גאַרניט וואָלט, זייט יענע טעג און יאָרן,
דאָ געשען...

ס'איז דאָס קייכנדיק לאַכן פון גרויזאַם־לוסטיקן
סאַטיר,

וואָס איך הער, קוקנדיק אויף דיין האָר־לאָק,
וואָס דו האָסט דיין אַזוי־געליבטער (!) העלען
אַ מתנה געגעבן. —
דיין האָר־לאָק, דער טונקל־ברוינער —
דער קאָליר פון דיינע וועלטן —
וואָס פלעגט זיך אָפט, פון ווינט, מיט זיסער
ווילדקייט
אויף דיין קאָפּ כוואַליען,
ווי אַ צאַרט־צעלאָזענע כוואַליע פון דיין
פאַנטאַזיע...
און איצט ליגט ער, דיין האָר־לאָק, אַן אויס־
געגלייכטער
(פון פאָדים, וואָס וויקלט אים אַרום)—
ענלאַך צו אויסגעריסענע האָר פון אַ פערדישן
עק...

היאַצינטן . . .

ווען ס׳האָט דעם טאָג דער רעגן אָפּגעוואַשן
און ס׳האָבן אים די וואָלקנס געשלעפּט
פאַר זיינע נאַסע פיס
צו דעם פּעכיקן געלעגער פון דער נאַכט —
מיין נאַכט;
האָבן זיך זיינע פיס — פאַר ווייטאָק —
בלוטיק גערויטלט,
און זיי האָבן זיך מיט די בלוט־פּערלאָפּענע
נעגל זייערע
פאַרמאָסטן אָנטקעגן דעם האַרץ פון דער
נאַכט —
מיין נאַכט . . .
און ווען דרויסן איז שוין שוואַרצליך
געוואָרן,
בין איך מיט מיין צעבלוטיקט האַרץ
צום ווינט אויף דער גאַס אַרויסגעלאָפן
און געזוכט אין די פיל־קאָלירטע
צאַנקענדיקע לעמפּלאַך, אין דער נאַכט,
און אין די אויגן פון פאַרבייגייער:
אַן אויסדרוק פון מיין וויי —
און האָב נישט געפונען . . .
בין איך אַ פענסטער פאַרבייגעגאַנגען,
און געזען דאָרט פאַרשידענע בלומען פרישע,
און ס׳איז די שענסטע פון זיי
די היאַצינט געווען;
נאָר נישט מיט דער רויטקייט פון מיין וויי...
האָב איך מיינע ליפּן פאַרביסן
און, שמייכלענדיג, דעם פאַרקויפער גע־
פרעגט:

פאַרוואָס זיינען די היאַצינטן אַזוי בלאַס
ביי דיר ?
האָט ער מיר געענטפערט :
„זיי זיינען נאָך יונגע, מיין הער, —
און ס'איז דאָס רויטקייט פון אינווענדיג
דאַרום".
אַזוי ? פון אינווענדיג ?...
קומט עס ווען אַרויס ? ....
„ווען זיי דערבליען זיך".
און ווי לאַנג קענען זיי לעבען ביי מיר ?
„דריי וואָכן אָדער פיר".
און אַז זיי וועלן זיך נים דערבליען,
קיינמאָל ?
„אָ, ביין... און אויב..., איז וואָס ? —
האָט ער געשמייכלט —
ס'קאָסט דאָך נים פיל..."

— — — — — — — —

אַז איך האָב די בלומען צו מיר
אין הויז געבראַכט,
האָב איך אויף זיי, מיט פרישן וואַסער,
יעדן מאָרגן און פאַרנאַכט געשפריצט.
איז די רויטקייט שוין פון אויסנווייניג,
אַצינד, —
און מיט פאַרשטיינערטע ליפּן צייל איך די
טעג . . .

ניט אַ שוואַרצער איז מיין אומעט...

ניט אַ שוואַרצער איז מיין אומעט,
נאָר אַ ווייסער, קלאָר געלייטערט;
איך גיי דעם טויט ניט אַנטקעגן,
כ'בין פון לעבן בלויז דערווייטערט...

ווייל מיר איז ליבער ווייסער אומעט
ווי די פאַלשע, רויטע פרייד,
און אויף וועגן, זינדיק־שטויבע —
קען מיין פרייד ניט זיין צעשפּרייט...

דו מיין ליבע, קינד דו פרוידיקס,
ווען דו קומסט צו מיר צוגיין,
ניט דערצייל מיר פון די גאַסן,
לאַך ניט אום מיך צו דערפרייען...

מיש די ווייסקייט פון דיין קערפּער
מיט ווייסן אומעט פון מיין בליק,
און שווייגנד לאָמיר ביידע זינגען
לויב צו אונזער אומעט־גליק...

דאָס ליד פון אַ וואָלקן

ווער נאָך פאַרדינט דען אַזוי פיל רום,
ווי דער וואָלקן,
וואָס מיט יעדן טריט אויף זיין וועג
זאַפּט ער אין זיך אַלץ מער שוואַרצע פייכטקייט
איין,

שווער ווי שטיין,
דאָך זעט ער אויף ווייטער
זיין וויטן וועג צו דערגיין —
און הויבט זיך מיט זיין גאַנצער שווערקייט
ביז׳ן סאַמע הימל אַרויף!...

ס׳הויבט זיך אויך דער אָדלער, אין זיין שוואונג,
העכער פון אַלע פויגל אויף;
אָבער דער אָדלער איז גרינג
און האָט פליגל צום שוועבן.
אויף פיס האָט ער, צוויי,
און אַז ער מאַטערט זיך איין,
גרייכט ער אַ בוים און שטעלט זיך אויף זיי.

ווער נאָך פילט דען די פיין פון דעם וואָלקן,
וואָס, אַז דורך פינסטערע נעכט
ער האָט דערשלעפּט זיך שוין קוים
נאָנט צו דער זון,
מוז, ביים אָנבליק פון אירע שטראַלן,
אין די טיפסטע אָפּגרונטן פאַלן...

דער בוים פון זינד

דער בוים פון זינד —
ווי וואונדערלאַך דער ריח פון זיין בלי!
און ווי רייצנד זיין קאָליר!
אייביק בליט די בלום פון תשובה,
אָבער דער בוים פון זינד —
איז אייביקער...
ליכט און חושך, פרייד און טרויער —
אַלץ אַ רעגן,
פונזייענעטוועגן!...

דאָס ליד פון בערג:

און ווי איז אונז, וואָס אַנשטאָט זיין
פאַרבאָרגן
אין טיפן האַרץ פון דער ערד
האָט אונז דער גורל, אַזוי הויך,
פון דער ערד דערהויבן . . .
און ס׳מיינען מענשן, אַז דאָס האָבן מיר אַליין
זיך, בילאַכווייז, אַזוי הויך דערריסן —
און אַז אונז איז גוט אַזוי . . .
טייל קוקן אויף אונז, מיט קנאה־דיקע אויגן,
בלויז דערפאַר, וואָס מיר זיינען העכער פון זיי...
איז: ווי צו אונז — באַניידעטע פון
באַשעפענישן,
וואָס זיינען, העכסטנס, ווי די מענשן הויך...
טייל קוקן אויף אונז דערהויבענע,
דערפאַר וואָס מיר זיינען אַזוי נאָנט צו דער זון...
אָבער קיינער פילט נאָך ניט אונזער ווי,
און ווייסט ניט:
אַז די וואָס זען, די ערשטע, דעם אויפשיין
פון דער זון,
מוזן אויך, די ערשטע, דערזען איר פאַרגיי...

ניו־יאָרק־ערד

ניו־יאָרק — שטאָט פון גאָלד־גליק
און פאַרגעניגנס ווילדסטע! —
ס'איז איבער דיין שטאָטישער ערד
גאָט'ס גרעסטער צאָרן
אויסגעגאָסן געוואָרן!

דיין גורל איז ערגער פיל,
ווי דער גורל פון דער געפאַנגענער
צנועה־מיידל,
וועמענס שווייגנדיקע גלידער
ס'ווערן פון שיכורים געפייניקט
אין גליענדיקע נעכט פון לוסט.

אויף דיין פיבערדיקן קערפער
פאַלט קיינמאָל קיין בליק פון רחמנות,
צו שטילן — אין נאַכט כאָטש —
דעם זאָט פון ווילדן געטראַסק
אויף דיר.
מיט שטיינער, געדיכט,
פאַרקלאַפּט מען דיך פעסט —
יעדעס ווינקעלע אין דיר,
יעדעס שפּעלטעלע אין דיר,
ס'זאָל זיך דיין פאַרשטיקט מויל
ניט צעברומען אַמאָל,
ערד פון ניו־יאָרק! ...

ס'איז דאָס קלאָרקייט פון דיינע טייבן
שוין פאַרטונקלט באַלד אינגאַנצן
פון דעם רויך פון די שיפן און שיפּלאַך,
וואָס גיבן זיי קיין רו,

און פון די אָטעמס פון מענשן,
וואָס קומען זיך רייניקן אין זיי...

ביסלאַכוויַיז
ווערט אויך דיין גאַנצער פּנים־קאָליר
פאַרלוירן,
דורך דעם בלוט פון געשאָכטענע חיות —
אויף דיר — פאַר דיינע פרעסערישע קינדער,
וואָס ווערן, שפּעטער, אַליין ווי חיות געטויט!...

ניו־יאָרק! — אין דעם פּנים פון דיין ערד
שפּיגלט זיך אָפּ פאַר מיר
דאָס ליכט פון מיין בלוט,
וואָס גיט קילונג צו ווייפלאַמיקע הערצער
פון אַנדערע;
נאָר אַליין געפינט עס קיין רו,
אָט ווי דו, פונקט ווי דו,
ערד מיין ליבע,
וואָס אין דיין שוים וועל אויך איך
רו און דערלייזונג געפינען;
בלויז דו אַליין —
אייביק וועסט שוין ליידן אַזוי . . .
ניו־יאָרק־ערד, אינטימסטע פריינדין מיינע! —
מער ווי אַ מאַמע ביסטו דאָך מיר (!) :
דיין ווייטיק פיל איך אין זיך —
ווי דו אפשר מיינעם פילסט —
און איך ווייס, אַז אין דיין געריגטער ברוסט
רייסט זיך שטום דיין כעס
צו דיין באַשאַפער,
ווי אין מיר — צו דעם,
וואָס האָט מיך באַשאַפן! . . .

די כוואַליעס פון אָקעאַן:

נאָר שלעכטע הערצער פון פאַלשע דיכטער
האָבן אונז פאַרגליכן צו גרויסע הונגעריקע וועלף,
וואָס ליגן אין אייזערנע שטייגן, ענג־פאַרמאַכט,
און ס׳שרייען זייערע בלוטן נאָך פאַרציקונג,
טאָג און נאַכט.

מיר? — מיר זיינען בלויז מקנא די איינגע־
שפּאַרטע וועלף,
וואָס, געקרעפּטיקטע פון כעס, זיי האָפן
פון שטייג — אויף דער פריי זיך אַרויסצורייסן
און זייערע באַגערן — ווי אַמאָל — צו שטילן!

און ס׳איז זייער האָפנונג אַ מקוים׳דיקע אויך!—
ווייל עס ווערט דאָך יעדע זאַך באַפרייט אַמאָל,
כאָטש ניט אויף לאַנג, פון גרעסטן ענגשאַפט
אַפילו —
און טרינקט זיך מיט דעם פון־יאָרן־געטרוימטן
לעבן אָן...
אָבער מיר?! — לאַנג איז אונזער היים און
ברייט,
אַז מיר ווייסן ניט וואו זיך אַהינצוטון,
אַ וויל,
לויפן מיר, אומעטיקע ווי די הירשן —
געטראָפענע פון פּחד׳ס שאַרפער פייל...

וואָס איז אונזער האָפנונג דען?! און אונזער
באַדערפניש — וואָס?!
פון די שיפן, וואָס גייען אונזער היים פאַרביי,
פאַלן די עסנוואַרגן און די אומגליקלאַך־
גערופענע,

צום־אַלעם־ערשטן, איז אונזער מויל אַריין ...
אָבער נאָך וואָס דאַרפן מיר דאָס אַלץ? !
אַז אויף אַנ׳אָרט רועןמיר דאָך קיינמאָל ניט,
סיי־ווי־סיי,
און ס׳וואַקסט דער אומעט אונזערער
אַפילו אין ליכט פון דער זון ! ...

קליינע שיפן, און אַפילו גרויסע,
באַמיען זיך אונזערע פּנים׳ער אויסצומיידן —
זיי ווילן אַפילו ניט מיט זייערע מעסערדיקע
בייכער
זיך טיף אין אונזערע לייבער אַריינשניידן,
וואָס וואָלט אפשר, דורך דעם שטאַרקן
שניט־ווייטאָק,
אונזערע אומעט־דולע ווּזנס באַלעבט און
געהיילט ...

הויבן מיר דערפאַר אונזערע געבעט־געשרייען
צו אייך, שטאָלצע און בראַווע קאַפּיטאַנען,
ווענען מיר לויפן שטענדיק, מיט אַזויפיל
פרייד אַנטקעגן;
און צו אייך ערפינדער קלוגע, באַזיגער
פון נאַטור (!) :
אָ, קומט אויף אונז מיט שיפן, גערדיכטער
און געדיכטער,
און טראַכט אַ מיטל אויס: אונזער היים
צו פאַרקירצן
און פאַרשמעלן !...
באַזיגט און פאַנגט אונז און פאַרשפּאַרט אונז !
גיכער, אָ, קאַפּיטאַנען בראַווע ! גיכער,
אָ, ערפינדער קלוגע ! ...

צו אַן אַלטן פּייערלעשער

פּייערלעשער, מאַט און מידער,
ס'זיינען שוין דיינע גלידער
פון פרעמדע פייערן געוואָרן טרוקן —
און מ'טוט זיך שוין פאַר דיין גרויקייט בוקן.

ס'זיינען אין דיין יוגנט, פרעמדע שטיבער
געווען דיר מער ווי דיין אייגן לייב ליבער,
און פרעמדע מענשן — מער ווי דיין לעבן
טייער,
זאָג, וואָס הערט זיך מיט דיין אייגן פייער?...

ברענט נאָך — זאָגסטו — מער ווי פריער?
נו, פרעג איך דיר (!):
האָסט אַזויפיל פייערן לעשן געקענט,
און אין זיך נאָר קוקסטו ווי עס ברענט...

פונ׳ם צער פון יחיד

סאָציאָלאָגן, עקאָנאָמיקער
און איר אַלע, וואָס פאַרנעמט זיך מיט באַזאָרגן
דעם כלל! —
און איר ערפינדער גרויסע,
וואָס מיט אייערע אויגן דרינגט איר דורך
די גרעב פון דער ערד, די אָפּגרונטן פון ים׳ען
און דאָס ליכט פון פּלאַנעטן איבער דער ערד! —
איר, וואָס דערטראַכט זיך צו פאַנגען און באַהאַלטן
ס׳ליכט פון דער זון,
און מיינט, אַז אייערע אויגן זיינען אָפן. —
שטעלט אָפּ דעם גאַנג פון אייער סאָציאַלן מח,
— א ווייל!
פון דעם ליכט פון צער וועל איך אייך זינגען
אַצינד
און אייך ווייזן ווי בלינד איר זייט,
ווי בלינד!
האָט אייער כיטרער מוח שוין געפאַנגען אַמאָל
דאָס ליכט פון צער פון קלענסטן יחיד?
אָדער — האָבן אייערע אויגן כאָטש דערגרייכט
אַהין,
ווען־עס־איז? ! . . .
איצט איז אַ סוף־חודש נאַכט.
לעשט אויס אייערע ערפינדערנע לאָמפּן —
און די גאַסן וועלן אייך נאָך ליכטיקער ווערן
ווי פריער,
אויב אייער בליק וועט דערזען דעם צער
פון בלויז אַן איינציקער באַשעפעניש אויף
אַ גאַס! . . .
ווייל ניט־נאָר דער צער פון אומזינדיקן,
שטומען בוים,

אָדער פעלד, וואָס מוז זיך שיידן מיט זיין פרוכט
און בלייבן, אין טריבן הערבסט, גאַקעט
און פאַרלאָזן;
ניט־נאָר דער צער פון דער אומבאַרירטער
יונגפרוי,
וואָס ווערט פון תאווה גרין — וואַרטנדיק
אויף איר מאַן
דעם פרוש,
נאָר אַפילו דער צער פון הונט, וואָס האָט
קיין מזל נישט
באַ דער צויג
און דער צער פון דער גאַסנפרוי, וואָס שלעפּט
זיך איבער גאַסן
אַ גאַנצע נאַכט, נישט טרעפנדיק קיינעם,
וואָס זאָל שטילן איר תאווה —
צו בלויז דעם געלט, —
איז ליכטיקער און הייסער פון יעדן שטראַל,
ערפינגדן פאַר׳ן וואוילזיין פון דעם כלל!...

א טייבעלע...

כ׳בין אַמאָל אין דער פרי
איבער אַ געסל געגאַנגען,
און געזען אַ אינגעלע, מיט פאַרוויינטע אויגן,
אויפ׳ן הימל אַרויפקוקן. —
האָב איך צו אים געזאָגט:
וויין ניט, אינגעלע, וואָס וויינסטו?
האָט ער דאָס פאַרטרערטע הענטל זיינס
אויפגעהויבן,
און שלויכצנדיק געענטפערט:
„אַ טייבעלע, — געהאַט אַ טייבעלע,
אַוועקגעפלויגן"...
האָב איך אים געזאָגט:
ביסט אַ נאַר, אינגעלע, —
אַצינד איז נאָך פרימאָרגן קאַלטער;
באַלד וועט די זון זיך צעשיינען
מיט אַזוי פיל פרייד־שטראַלן,
וואָס וועלן דיר ליבער
פון טויזנטער טויבן זיין.
האָט דאָס אינגעלע אויף מיר
אַ בייזן קוק געטון, און שטיל געזאָגט:
„ל־י־ג־נ־ע־ר! — איר ל־י־ג־נ־ע־ר..."
האָב איך פאַרשעמט מיין פנים
אָן־אַ־זייט אַוועקגעקערט
און געטראַכט: ווער ווייס?...
ווער ווייס?...
ווער קען וויסן?!...

היינט אינדערפרי

(א)

היינט אינדערפרי,
ווען דאָס ליכט פון מאָרגן
איז ווידער צו מיר שפּעטן געקומען,
האָט זיך דער ליכטיקער חלום פון מיינע נעכט,
אַן איינגעהילטער אין אותיות דריי,
אויף מיינע ליפּן געשטעלט —
און דערנאָך אין זייער הייסער רויטקייט
צעגאַנגען...

געליבטע מיינע! ווער עס ווייסט איצט
מיינע ליפּן קושן,
וועט האָבן דיך געקושט,
בלויז דיך...

(ב)

כ׳ווייס ניט צי איז גאָט דיין נאָמען,
ווייל די ערד פון וועלכער איך בין באַשאַפן
איז שווער אַזוי און שוואַרץ,
אַז איך קען זיך נאָנט צו דיר
ניט דערהויבן — און פון דיר אַליין
דיין נאָמען הערן...
אָבער ווער דו זאָלסט נישט זיין
און ווי דו זאָלסט נישט הייסן,
דו מעכטיקער אַלצזעענדיקער
ווייסט דאָך, אַז נאָר צו דיין ליכט

שטרעקן זיך, סוף כל סוף,
מיינע פינסטערע הענט,
סיי אין תשובה און סיי אין זינד...
פאַרנעם זשע דו מיין געבעט:
ווענד אָן דיין בליק אויף מיר, א ווייל,
און זאָל מיין קאַלטע פּיין
אין זיין וואַרימקייט צעגיין —
נעם פון מיר מיין שכל צו!...
היינט אינדערפרי האָט מיין פאַרוואָלקנט האַרץ
אָנגעהויבן שיינען,
הערנדיק פון מיינע ליפּן
מיין געליבטער׳ס נאָמען...
כאַטערט איצט מיך מיין שכל:
אַז דאָס האָט, דאַכט זיך, ער גאָר, ער,
די ליפּן מיינע רעדן געמאַכט...

פעלדער

(אויגוסט־מאַטיוו)

מיט העל־גרויע חרפּה־בליקן פון געשענדעטע
ליגן די אָפּגעשניטענע פעלדער
און שעמען זיך צו באַגעגענען
מיטן בליק פון דער זון,
וואָס פלעגט זיי מיט וואַרימער צערטלאַכקייט
גלעטן,
ביז צייטיק איז געוואָרן זייער פרוכט...
קערן זיי אָפּ זייערע פאַרשעמטע אויגן
פון דער זון
און פאַרקוקן זיך אויף די תבואה־סנאָפּעס —
זייער אויסגעטראָגענע פרוכט
וואָס שטייען, געבונדענע און צעשיידטע,
מיט פאַרלאָשענע אויגן, אינדערהויך געצויגן—
„בלויז צוליב זיי — אומדויערהאַפטע
האָט זי אונז די צערטלאַכקייטן געגעבן,
און ניט צוליב אונז — אייביק־לעבנדע“...

— — — — — — — — — — — — — — —

וואַרטן די פעלדער און בעטן אויף שניי,
ער זאָל שוין פאַרדעקן זייער חרפּה און וויי...

סוף האַרבסט

ווי אין סוף האַרבסט דער נאַקעטער בוים,
וואָס פון זיין פרילינג איז אים בלויז
דער ריח פון דער ערד פאַרבליבן,
וואַרט איך אויף דיין אָטעם, גאָט!

היים איז דער אָטעם פון מיין געליבטער,
הייסער נאָך איז דער אָטעם פון מיינע
פאַרלאַנגען...
נאָר די קעלט, וואָס ווייעט אויף מיר
פון מיינע באַגאַנגענע אומרעכטן —
איז צום שטאַרקסטן...

וואָלט איך, ווי דער בוים, אויף אַן אָרט
געשטאַנען —
וואָלט מיין רויע פיין,
אין האָפנונג אויף קלאָרן שניי,
צעגאַנגען...
אַזוי אָבער קען מיר נאָר דיין אָטעם העלפן.
נאָר האָפן אויף אים קען איך נישט...

עפן איך פאַר דיר אַלע מיינע חושים, גאָט:
און אויב כ'בין נישט ווערט, אַז די טונקעלע
עבר־פעדים,
וואָס פלאָנטערן זיך אין זיי,
זאָלן פאַרברענט ווערן פון דיין אָטעם,
שיק אַהין דיין שטורמווינט!...

אינהאַלט :

פונוואַנען.
איז וואָס.
אַ, אפשר דיין האַנט.
אַ פונק.
ביינאַכט אין פּאַרק.
פרילינג.
ווי דער שטויב.
האַרבסט.
אין שטיבעלע פון עדגאַר אַלאַן פּאָו.
היאַצינטן.
ניט אַ שוואַרצער איז מיין אומעט
דאָס ליד פון אַ וואָלקן.
דער בוים פון זינד.
דאָס ליד פון בערג.
ניו־יאָרק־ערד.
די כוואַליעס פון אָקעאַן.
צו אַ פּויערלעשער.
פונ׳ם צער פון יחיד.
אַ טייבעלע.
היינט אינדערפרי.
פעלדער.
סוף האַרבסט.